UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Dray Lider / Three Poems

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/0rd298s1

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

**Author**
Yair, Ish

**Publication Date**
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

איש יאיר / מאָנטרעאַל

# לידער

## אַ חלום

אויף שטעגל, געפלאָכטן,
לבנהדיק־בלאָנד,
שפּיצפינגערט מיין בענקשאַפט,
וואָס כ׳האָב קיינמאָל באַקענט..

ווי שפּינט זי דעם חלום
פון זקן, פאַרשמאַכט:
צעשערבלטער קערפּער,
און געמיט — הוילע נאַכט?

פון וואַנען־זשע קומט זי
די בייגיקע זאַנג,
מיט זאַלבן, מיט טוליען,
מיט טיולן פון טרייסט?

די שיינהייט, געקריינטע,
טאַנצט־אויס דאָס געזאַנג
פון יוגנט, פאַרבענקטער,
ביים צאַנק פון פאַרגאַנג...

## ביים צאַנק פון טאָג

געפּענטעטע פיס
פלאָנטערן קוים
דלד אמות.
פון יאַנקעלעס לייטער
טועם געווען
קוים אַ טפח.
געצייכנט דעם עירוב
האָט אָנמאַכט.
מיין צאַנקנדער טאָג
האָט געמאָסטן מיט בלוט
דעם תחום־שבת.

ווי האַרפּעס
אַ ציטער.

באַשער מיר
צו מאַכן
אַ פּראָסטן שהכל
אויף ראַזעווע ברויט
פון דער וואָכן.
זיי מיך נישט מוציא
מיט אַ פענעצל־יוצא
פאַר ששת־ימי
הסך־הכל.

אָנאַ, באַשעפער,
באַוויליק פאַרנעמען
דאָס שעפּטשען
פון לעפצן,
באַנומען.
דאָס צאַפּלען
פון וועפּלעד
אין וויפּולער ברוסט
זאָל אויפגיין

כ׳האָב ווינען געוואָלט,
דאָך, זינגען גענומען
אין אויג פון דער וויוגע,
טיף ווינטער.
שפּאָר מיר, באַשעפער,
אַ שפּרענקעלע טמיכל —
די האָפונג
פון מייאיקע בלומען.